בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

254

תשפ"ב

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, וָואס טוּ אִיךְ?..................ב

דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד, וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער?..........................ד

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס, וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער? ...................ו

לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן, נָאר צוּ קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין מוֹסְדוֹת?........................ח

וֶועלְכֶע סָארְט שְׁלִיסְל חַלָּה מַאכְט מֶען אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח?...............................י

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, מֶעג אִיךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?...... יא

מֶעג אִיךְ גֵיין צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן? ............................יג

דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער קוּנְטְרֵס "בֵּית נִצְחִי", מֶעג מֶען אַרַיינְטְרָאגְן אִין בֵּית הַכָּבוֹד?.......... טו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

בַּיי רוּחָנִיּוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין זַאט...........................................................א

מִיט חָכְמָה דַארְף מֶען מַאכְן יֶעדֶעס קִינְד אַ חֵלֶק פוּן קְלַאס.......................................ב

נָאכ'ן אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי מָאוּוִיס, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.............................ב

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן גְלֵייבְּן אִין מִיר......................ג

דוּ מוּזְסְט טוֹישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט..................................................ד

בְּלַייבְּט מִיט דִי גוּטֶע קַבָּלָה צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ רֵיין אוּן זוֹיבֶּער .............................ד

גֶעעֶפְנְט דִי מִקְוֶה..............................................................................ה

לֵייג נִישְׁט אַרוֹיף אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ.........................................................ו

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין .........................................ז

פְרִישֶׁע זַאכְן אִין דִי קְהִילָּה ......................................................................ח

יֶעדֶער לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט, אִיז דִי שְׁטֶעטְל אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ............ יא
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט פַּיינְט ............ יב
קֶען מֶען מַאכְן זוּנְטָאג אַ כְּמוֹ-סְקוּל אוּן בֶּעטְן גֶעלְט דֶערְפַאר? ............ יב
אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ ............ יג
גֵיי אַרוֹיף אֵיין מָאל אַ טָאג צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ............ יד
קַיין אֵיין קִינְד טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן חֵדֶר ............ יד
דוּ פִּירְסְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ............ טו
גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין אִין כּוֹלֵל אִין צַייט ............ טז
נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ............ יז
מֶען טָאר גָארְנִישְׁט טוּן אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער ............ יז
אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל ............ יח
עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִיר אִין קְלַאס ............ יט
נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם זַאךְ קֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן ............ יט
אוֹיבְן וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בַּאהַאלְטְן ............ כ
בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט אַ וַואכְט נַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן ............ כא
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מְנַדֵּב זַיין דִי וֶועג צוּם מִקְוֶה טָהֳרָה ............ כא
פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אַ לִיכְט פַאר גַאנְץ בָּארָא פַּארְק ............ כב
אַ סוֹפֵר וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי ............ כג
וֶוער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז בֶּאֱמֶת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? ............ כג
נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אִין הֲפָצָה אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן שְׁטוּבּ ............ כז
עֶס זָאל זַיין לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי גַבָּאִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ............ כח
אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אֵיידְל ............ כט
מְלַמְּדִים זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, זֶען וָואס בֶּעסֶער צוּ מַאכְן ............ כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן אִיבֶּער אַ נוֹשֵׂא וָואס פַּיינִיגְט מִיר שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן. דִי נוֹשֵׂא אִיז אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט, נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם עֶפֶּעס שָׁאדְן גֶעמַאכְט.

דִי זַאךְ אִיז אַז עֶס זֶעט אוֹיס פוּנְדְרוֹיסְן ווִי אַזַא נַארִישֶׁע זַאךְ, אָבֶּער מִיר פַּיינִיגְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק. מַיין עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ פְּרֶעגְן אַ דַיָּין אוֹיבּ אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן, אָדֶער פְּרֶעגְן יֶענֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז מִיר מוֹחֵל.

אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ לֶעבּ פַאר גָארְנִישְׁט, וַוייל אִיךְ גֵיי סֵיי ווִי דַארְפְן מְגוּלְגָל וֶוערְן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ טְרַאכְט דֶערְפוּן - וֶוער אִיךְ זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט. אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ דַארְף אַ דַיָּין זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן מִיט מִיר אוּן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַלֶע מַיינֶע בּוֹיךְ וֵוייטָאג, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט ווִיפִיל עֶס גֵייט הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ גֵיי זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין דֶערְמַאנֶען אַלְטֶע זַאכְן; אִיךְ פִּיל אַז עֶס אִיז אֵין לַדָּבָר סוֹף.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר הֶעלְפְן וַוייל אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט צַעַר אוּן וֵוייטָאג; פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן וֶוען עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי זַאךְ?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה כט.): ״גָּזַל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְמִי גָּזַל, יַעֲשֶׂה מֵהֶן צָרְכֵי רַבִּים״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶע׳גַנְבְ׳עֶט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם עֶר הָאט גֶע׳גַנְבְ׳עֶט - זָאל עֶר טוּן צָרְכֵי רַבִּים; מוֹהֲרַנְ״ש זָאגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹת לו) עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ גְרֶעסֶערֶע צָרְכֵי רַבִּים וִוי דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן עֶס בְּרֶענְגְט צוּרִיק צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַּייניגְן; דְרוּק דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת, דָאס אִיז רִיכְטִיגֶע צָרְכֵי רַבִּים אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען צוּרִיק דִי מַחֲשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ זָאגְן: ׳אִיךְ פָאלְג רֶבִּי נָתָן, אִיךְ פָּאלְג מוֹהֲרָא״שׁ, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט׳; אוֹיבְּן אִין הִימְל וֶועט דָאס דִיר הֶעלְפְן, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דַיין תִּיקוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד, וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי זִיךְ גֶטְ'ן אוּן דֶערְנָאךְ גֵיי אִיךְ זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן אִין אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ לֶעבְּן, קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אַזוֹי וִוי קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אוּן אוֹיךְ מַיין ווַייבּ דַארְף מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס וֶועט מִיךְ יָא לִיבּ הָאבְּן.

אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ מְקַיֵּים זַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת. אִיךְ מֵיין אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר מִיר וֶועט זַיין זִיךְ צוּ גֶטְ'ן אוּן גֵיין אִין מְשׁוּגָעִים הוֹיז, דָארְט וֶועט מֶען מִיר צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, אוֹיךְ אַ סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען, אוּן מֶער פוּן דֶעם דַארְף אִיךְ נִישְׁט. אִיךְ דַארְף מֶער נִישְׁט אַז אֵיינֶער זָאל מִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט מִיר נִישְׁט צוּ דִי נְשָׁמָה, פַארְוָואס לָאזְט עֶר מִיר דָא לֶעבְּן אוּן לַיידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? מִיט אַזֶעלְכֶע עֶלְטֶערְן, מִיט אַזַא יוּגְנְט, אוּן אַזַא וַוייבּ - וָואס אִיז דִי לֶעבְּן נָאךְ וֶוערְד? אִיךְ בֶּעט נָאר אֵיין תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דֶער וֶועלְט ווִי שְׁנֶעלֶער, טוֹב מוֹתִי מֵחַיַּי.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט אַזוֹי, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ קֶענֶען גֶעהֶערִיג אַרָאפְּשְׁרַייבְּן מַיינֶע גֶעפִילְן. אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יָא רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אָדֶער אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ פָּשׁוּט אַ כְּפוּי טוֹבָה, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ דֶער גְרֶעסְטֶער רָשָׁע אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז מֶען לָאזְט מִיר שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן?

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעמִישְׁט, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אוֹיסְקְלָארְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר? פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַיינְט? אַז עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דוּ מִיט דַיין ווַייבּ - מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי וֶועלְט אִיז גֶעעֶנְדִיגְט; אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט - אִיז דִי וֶועלְט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט; ווִי עֶס זֶעט אוֹיס גֵייסְטוּ יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אוּן אוֹיבּ**

דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ דָאס אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לִיכְטִיג וֶוערְן.

דוּ יָאגְסְט זִיךְ צוּם טוֹיט? דוּ וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס אִיז דָאס טוֹיט? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וַוארְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט "טוֹב מוֹתִי" - דִי טוֹיט אִיז מִיר בֶּעסֶער! דוּ וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס טוּט זִיךְ אִין יֶענֶע וֶועלְט אַז דוּ זָאגְסְט "טוֹב מוֹתִי"?! אַז מֶען וֶועט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע צָרוֹת פוּן דִי וֶועלְט - קוּמְט דָאס נִישְׁט אָן צוּ אֵיין בְּרִי פוּן דִי גֵיהִנוֹם אוּן צוּ דִי עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים וָואס דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרִיבֶּער.

דַאוֶוענְ נִישְׁט דִי נִישְׁט גוּטֶע תְּפִלָּה - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי וֶועלְט; דַאוֶוען אַ גוּטֶע תְּפִלָּה, דַאוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דַיין מֹחַ קֶען נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן אַזוֹיפִיל - זָאלְסְטוּ זִיךְ וֶוענְדְן צוּ אַ דָאקְטֶער עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מִיט גוּטֶע מֶעדֶעצִין; דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן צוּרִיק אָנְגֵיין מִיט דַיין סֵדֶר הַיּוֹם.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר מִיּוֹם הִוָּלְדְךָ, פוּן דַיין גֶעבּוּרְט, אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער; שְׁמוּעֶס אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיין וַוייבּ, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

וֶוער עֶס פָאלְגְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר דֶערְצֵיילְט זַיינֶע וֵוייטָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צֵייטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס, מֶען בַּאקוּמְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון צוּ קֶענֶען אַסַאךְ פַארְנֶעמֶען, אוֹיךְ וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק, מֶען לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַ סִיוּם הַשַּׁ״ס, וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, און אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם סִיוּם. אִיךְ שְׁעם זִיךְ צוּ מַאכְן דִי סִיוּם און זָאגְן פַּאר מַיין וַוייבּ אִיבֶּער דֶעם, אִיר בֶּעטְן אַז אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ סִיוּם אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער, ווַייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ נָאר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, מַיין וַוייבּ וֵוייסְט דֶערְפוּן, און זִי וֵוייסְט אוֹיךְ פוּן אִיר בַּאבֶּע וָואס זָאגְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

רוּפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן שֶׁעם אִיךְ זִיךְ נָאךְ מֶער, ווַייל זֵיי גֵייעֶן זָאגְן פַּאר יֶעדְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט שַׁ"ס און אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס קֶען מִיר דֶער ראֹש יְשִׁיבָה עֵצָה'נֶען אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר גֶעבְּן אַזוֹיפִיל מוּט און חַיוּת צוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי תַּלְמוּד בַּבְלִי; יֶעצְט בִּיסְטוּ רַייךְ, יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פַאר דַיין נִצְחִיוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.): ״וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה׳ - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד״, אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אִיז אָרֶעם, דֶער וָואס לֶערְנְט אִיז רַייךְ.

דֶערְצֵייל פַאר דַיין וַוייב דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס, זִי וֶועט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שִׂמְחָה פַאר אַ פְרוֹי וֶוען זִי הֶערְט אַז אִיר מַאן לֶערְנְט, אִיר מַאן מַאכְט סִיוּמִים, אִיר מַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ"ס; זִי וֶועט דִיר אַרוֹיפְקוּקְן אוּן דִיר מַחְשִׁיב זַיין.

אַז זִי ווִיל מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סִיוּם פַאר דִי קִינְדֶער - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אוּן אַז זִי ווִיל נָאכְנִישְׁט מַאכְן קַיין סִיוּם, זִי שֶׁעמְט זִיךְ מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - דַארְף דָאס דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, וֶועסְטוּ אַוֶועקְלֵייגְן אוּן מַאכְן דֶעם סִיוּם בַּיי דִי גְרוֹיסֶע סְעוּדָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא עה.): "עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת סְעוּדָה לַצַּדִּיקִים מִבְּשָׂרוֹ שֶׁל לִוְיָתָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פוּן דִי לִוְיָתָן לֶעָתִיד לָבוֹא פַאר דִי צַדִּיקִים, וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט מַאכְן דַיין סִיוּם אוּן זָאגְן דֶעם הַדְרָן, דֶעמָאלְט וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט לַאכְן פוּן דִיר, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", זָאלְסְט ווִיסְן אַז לֶעָתִיד לָבוֹא טוּט מֶען דֶערְמַאנֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ, לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא יָבִינוּ", אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע וָואס הֶערְן תּוֹרָה פוּן צַדִּיק אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, לֶעָתִיד לָבוֹא, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט - וֶועלְן זֵיי דָאס פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עִיקָר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", וַוייל דִי עִיקָר תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמוֹת, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן דִי נְשָׁמוֹת גוּט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט בָּזֶה הָעוֹלָם, "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בַּתּוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דַיין שַׁ"ס; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אוּן הוֹיבּ שׁוֹין אָן נָאכְאַמָאל, אַ צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ"ס, אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן, נָאר צוּ קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין מוֹסְדוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קִינְד דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ יֶעצְט צוּ דִי עֶלְטֶער וָואס זִי דַארְף שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן גֵיין אִין מוֹסְדוֹת, אוּן מִיר דַארְפְן טְרֶעפְן פַאר אִיר אַ גוּטֶע מוֹסָד.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל, עֶס אִיז נָאר דָא צְווֵיי מוֹסְדוֹת, אֵיינְס אִיז אַ בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, וואוּ רוֹב פוּן מַיין גַאטוּנְג שִׁיקְט דָארְט, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶועמֶען אַרַיינְצוּנֶעמֶען. ווִידֶער אִיז דָא אַ צְווֵייטֶע מוֹסָד וָואס נֶעמְט יָא אָן כִּמְעַט יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס מֵיינְט אַז דָארְט זֶענֶען דָא גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, אָבֶּער אוֹיךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט זֵיי.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל זִיךְ אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיין קִינְד אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ שִׁיקְן אִין דִי אַנְדֶערֶע מוֹסָד וואוּ מֶען נֶעמְט מִיר גֶערְן אָן.

שִׁיקְן אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד מֵיינְט אוֹיךְ אַז זֵיי וֶועלְן פַארְלַאנְגֶען אַז אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זָאלְן טוֹישְׁן גֶעווִיסֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ זֵייעֶרֶע תַּקָנוֹת; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, צוּ הָאבְּן נָאר אַ כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיךְ הָאבּ סַיי ווִי לֶעצְטְנְס בַּאקוּמֶען. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט דִי תַּקָנָה, אָבֶּער עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, עֶס מֵיינְט זֵיי וֶועלְן מִיר אָנְהוֹיבְּן נָאכְקוּקְן אוֹיבּ אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, וואוּ אִיךְ דַאוֶוען, אוּן אַז מַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן אַ קוּרְצֶערֶע שֵׁייטְל, אוּן נָאךְ.

אִיז דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן? צוּ לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן נָאר אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אִין מוֹסְדוֹת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, זִיךְ בֶּעטְן בַּיי זֵיי אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס זֵיי פַארְלַאנְגֶען - אַז זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז נִיטְאַמָאל קַיין שְׁאֵלָה, עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, זֵיי גֶעבְּן דָאס שֶׁענְסְטֶע לֶעבְּן; אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט דַארְפְן עֶלְטֶערְן טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וֶועגְן לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן וְכוּ'; אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דוּ רוּפְסְט דָאס אָן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְּן? עֶכְטֶע לֶעבְּן אִיז נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיד וָואס גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב - דֶער לֶעבְּט אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן, דֶער אִיד וָואס הִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, עֶר הִיט שַׁבָּת - דֶער לֶעבְּט אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יח): "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן קְרוּיִים חַיִים", צַדִיקִים אֲפִילוּ נָאכְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט - לֶעבְּן זֵיי, אוּן רְשָׁעִים וֶוען זֵיי לֶעבְּן - זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ טוֹיט; לֶעבְּן אִיז נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַנְדֶערֶע זַאכְן - אִיז אַלֶעס פַאלְשׁ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט טוּן גוּטֶע זַאכְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָּאפְּט.

ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי - דָאס אִיז נִישְׁט לֶעבְּן; אֵיינֶער ווִיל גֶעפֶעלְן דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן - גֵייט עֶר אַזוֹי, אַ צְווֵייטֶער ווִיל גֶעפֶעלְן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן - גֵייט עֶר אַזוֹי, דָאס מֵיינְט נִישְׁט עֶכְט לֶעבְּן, נָאר דֶער וָואס טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט זִיךְ אָן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן - דֶער לֶעבְּט עֶכְט. אוּן אוֹיךְ דֶער וָואס טוּט אַנְדֶערְשׁ ווִי זַיין ווִילְן כְּדֵי זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ - דָאס אִיז עֶכְט, דִי עֶכְטֶע לֶעבְּן אִיז טוּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

גֶעבּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע, אוּן אַז מֶען ווִיל דִיר

נִישְׁט אָנְנֶעמֶען אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי אַנְדֶערֶע מוֹסָד, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ אוֹיךְ כַּשֶׁר'ן דַיין טֶעלֶעפָאן, אוּן דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין מֶער אֵיידְל; מַאךְ יֶענֶע מוֹסָד פַאר דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַזוֹיפִיל בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווֶעלְכֶע סָארְט שְׁלִיסְל חַלָּה מַאכְט מֶען אוֹיף שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן אוּן פַאר דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן ווֶעלְכֶע סָארְט שְׁלִיסְל חַלָּה מֶען מַאכְט אִין בְּרֶסְלֶב פַאר שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער מִנְהָג אִיז, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת נָאךְ פֶּסַח מַאכְט מֶען אוֹיף דִי חַלָּה אַ שְׁלִיסְל, מֶען מַאכְט מִיט דִי טֵייג אַ שְׁלִיסְל אוֹיבְן אוֹיף דִי חַלָּה צוּ וַוייזְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הַאנְט.

אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּעֲנִית ב.): "מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶּערְ'ס הַאנְט; אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן פַאר פַּרְנָסָה, אַ שָׁאד זִיךְ אִיבֶּערְאַרְבֶּעטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל. מֶען דַארְף טוּן פַאר פַּרְנָסָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרִי דְּבָרִים טו, קנח) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): "וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר

**תַּעֲשֶׂה', יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל, תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה"; אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל זָארְגְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְאַרְבֶּעטְן.**

**מַאךְ אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁלִיסְל אוֹיף דִי לֶענְג פוּן דִי חַלָּה, גֶעב אַ שְׁטִיקְל שְׁלִיסְל פַאר יֶעדְן אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן דֶערְצֵייל זֵיי: "דֶער שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה, פוּן הַצְלָחָה - לִיגְט אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הַאנְט".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, מֶעג אִיךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד פַאר דְרֵיי יֶערִיגֶע קִינְדֶער, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ ווִיל אַ גַאנְצְן צַייט נָאר רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער - פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; אִיךְ הָאב אָבֶּער מוֹרָא אַז אוֹיב גֵיי אִיךְ רֶעדְן צוּ סַאךְ, וֶועלְן מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר, מֶען וֶועט מִיר חוֹשֵׁד זַיין אַז אִיךְ וִויל דָא פַארְקוֹיפְן בְּרֶסְלֶב פַאר דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ מַיין וַוייב הָאט מִיר גֶעוָוארְנְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְצִיעֶן דִי שְׁטְרִיק, וַוייל מְ'וֶועט מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן וַוייל אִיךְ רֶעד פוּן בְּרֶסְלֶב.

הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ זָאל טַאקֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ סַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער נִישְׁט? אוּן אוֹיב יָא, וָואס אִיז דִי גֶדֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אֵיכָה, פְּתִיחְתָּא ב): "מָאן אִינוּן נְטוּרֵי קַרְתָּא", װער זֶענֶען דִי וָואס הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן שְׁלֶעכְטְס? "אֵלוּ סוֹפְרִים, וּמְשַׁנִּים, שֶׁהֵם הוֹגִים וּמְשַׁנִּים וּמְשַׁמְּרִין אֶת הַתּוֹרָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה", דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער, זֵיי הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ שָׁאד אַז מְלַמְּדִים זֶענֶען אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ, זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט מַחְשִׁיב; דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דָאךְ אוֹיף דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן! דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַב פָּפָּא גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא אַבַּיֵי, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף אוּנְזֶער תּוֹרָה?! "דִּידִי וְדִידָךְ מַאי", וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה אוּן דַיין תּוֹרָה? זָאגְט אִים אַבַּיֵי: "אֵינוֹ דּוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן קַיין עֲבֵירוֹת; דָאס אִיז אַלֶעס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט קִינְדֶער אוּן לֶערְנְט, דַאוֶוענְט אוּן לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זֵיי.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, רֶעד צוּ זֵיי פוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אָן קַיין גֶּדֶר; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, דוּ רֶעד צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער פוּן אֱמוּנָה זָאלְסְטוּ רֶעדְן אָן קַיין שׁוּם פַּחַד.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**מֶעג אִיךְ גֵיין צוּם צִיוּן הַקָדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא״ש, אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אוּן פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע נִיגוּנִים וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר דִי טִיפֶענִישְׁן פוּן הָארְץ.

אִיךְ וִויל יֶעצְט פָארְן צוּ מוֹהֲרָא"שְ'ס צִיוּן אִין יַבְנְאֵל אוֹיסְצוּזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִים פַאר אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר אוֹיב מֶען מֶעג גֵיין אוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן. פַאר מִיר קוּמְט יֶעצְט אוֹיס גְרִינְגֶער וַוייל עֶס אִיז בֵּין הַזְמַנִים, אִיךְ וֵוייס נָאר נִישְׁט אוֹיב עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֵיין אוֹיף קְבָרִים אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קֶענְסְט גֵיין חוֹדֶשׁ נִיסָן צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.**

**בְּעֶצֶם דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט גֵיין חוֹדֶשׁ נִיסָן צוּ קְבָרִים אִיז נִישְׁט קַיין קְלָארֶע הֲלָכָה, עֶס אִיז אַ מִנְהָג אוּן עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַסַאךְ צוּ רֶעדְן לְכַאן וּלְכַאן, אָבֶּער צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען גֵיין.**

**מוֹהֲרָא״ש זָאגְט אִין דִי צַוָואָה** (צַוָואַת מוֹהֲרָא״ש, אוֹת ה) **: ״מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כִּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.**

אַזוֹי ווי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר און אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

און סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר און דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער קוּנְטְרֵס "בֵּית נִצְחִי", מֶעג מֶען אַרַיינְטְרָאגְן אִין בֵּית הַכָּבוֹד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם "בֵּית נִצְחִי", דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער קוּנְטְרֵס אִין וָואס אִיז אַרַיינְגֶעדְרוּקְט דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פוּן בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, און תּוֹסֶפְתָּא, אוֹיב מֶען דַארְף עֶס לֵייגְן אִין שֵׁמוֹת נָאכְ'ן נוּצְן, און אוֹיךְ אוֹיב מֶען מֶעג אַרַיינְגֵיין מִיט דֶעם אִין בֵּית הַכָּבוֹד וֶוען מֶען הָאט עֶס אִין טַאשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף דָאס לֵייגְן אִין גְּנִיזָה וַוייל דָאס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן צוּ לֶערְנֶען.

בְּנוֹגֵעַ אַרַיינְגֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא; מֶען מֶעג אַרַיינְגֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא וֶוען מֶען הַאלְט אִין טַאשׁ דֶעם קוּנְטְרֵס בַּיִת נִצְחִי. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט קְלָאר (אוֹרַח חַיִּים סִימָן מג, סְעִיף קָטָן כה): ״וּשְׁאָר סְפָרִים וּכְתָבִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶן שֵׁמוֹת, אִם הֵם בַּכִּיס שָׁרֵי לְהַכְנִיסָן״, מֶען מֶעג אַרַיינְגֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא מִיט כִּתְבֵי קוֹדֶשׁ וֶוען עֶס אִיז אִין טַאשׁ, און אֲפִילוּ לוֹיט דִי שִׁיטָה וָואס זֶענֶען מַחְמִיר צוּ הָאבְּן צְוֵויי כִּסוּיִים, קֶען מֶען מְצָרֵף זַיין דִי שִׁיטָה וָואס לֶערְנְט אַז אַ דֶעקְל פוּן אַ סֵפֶר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי ווי אַ כִּסוּי, הָאסְטוּ שׁוֹין צְוֵויי כִּסוּיִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בַּיי רוּחָנִיּוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין זַאט**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג,**
**שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֶׁענְק וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעקוֹיפְט פַאר דִי פֶּסַח כֵּלִים, עֶס אִיז אוּנְז גֶעוֶוען גְרִינְגֶער דִי וִוירְטְשַׁאפְט יוֹם טוֹב מִיט דִי שֶׁענְק.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הַפָּצָה, זַיי נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט דִי פָּאר שׁוּל׳ן וָואס דוּ לֵייגְסְט דָארְט אוֹיס גִלְיוֹנוֹת מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ, זָאלְסְט אַלְץ צוּלֵייגְן נָאךְ אַבִּיסְל, לֵייג צוּ נָאךְ אַ שׁוּל וְכַדוֹמֶה, וַוייל דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): ״אֵיזֶהוּ עָשִׁיר״, וֶוער אִיז רַייךְ? ״הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ״, דֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט; דָאס אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת, דֶער וָואס אִיז צוּפְרִידְן מִיט זַיין הוֹיז, מִיט זַיין קַאר, מִיט זַיין פַארְמֶעגְן - דֶער אִיז רַייךְ, אָבֶּער בַּיי רוּחָנִיּוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין זַאט, מֶען דַארְף אַלְץ בֶּענְקֶען אוּן גְלִיסְטְן אוֹיף נָאךְ.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן.

...

**מִיט חָכְמָה דַארְף מֶען מַאכְן יֶעדֶעס קִינְד אַ חֵלֶק פוּן קְלַאס**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דַיין פְּלָאג אוּן מִי אִיז אִין אֵייבִּיגֶע זַאכְן, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיין מִי אוּן פְּלָאג אִין מְלַמְדוּת; דוּ זִיצְט פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג מִיט קִינְדֶער, מִיט אַזַא סַבְלָנוּת.

גֶעדֶענְק, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, ״אָדָם לְעָמָל יוּלָד״ (אִיּוֹב ה, ז), ״אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה״ (בְּרָכוֹת יז.), וואוּיל אִיז דֶעם וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

עֶס אִיז הַיינְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ. זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטִיקֶל פְּרָאבְּלֶעם מִיט זֵייעֶר קִינְד וָואס לֶערְנְט בַּיי דִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ פַארְמַאכְטֶער קִינְד, זֵיי ווִילְן זֵייעֶר מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן אִים עֶפֶענֶען, עֶר זָאל זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי כִּתָּה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען שִׁיקְט אַהֵיים מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, זַיין נָאמֶען אִיז אַלְץ לֵיידִיג; דֶער מְלַמֵּד דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט חָכְמָה אִים מַאכְן זָאגְן אַ מַעֲשֶׂה, אֶפְשָׁר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ צוּ זָאגְן בָּרַבִּים, קֶען מֶען אִים פְרֶעגְן פְּרִיוַואט. דָאס אִיז נָאר אַ מָשָׁל, פַארְשְׁטֵיי וָואס אוּן ווִי אַזוֹי אִים צוּ עֶפֶענֶען.

...

**נָאכ׳ן אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי מָאוּוִיס, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דֶעם חוֹל הַמּוֹעֵד דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז אִיר הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אַלֶע מָאוּוִיס, אִיר הָאט אוֹיסְגֶערוּמְט דִי חָמֵץ; מָאוּוִיס אִיז חָמֵץ, עֶס מַאכְט בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס מַאכְט זוֹיעֶר.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דָאס צוּ הֶערְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פַאר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר. עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פַאר אַייךְ דִי מָאוִוי; אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף גוֹיִם אוּן גוֹי'טֶעס, אַנְשְׁטָאט זוּכְן מִיסְט - קֶענְט אִיר קוּקְן אוֹיף אַייעֶר מַאן, לֶעבְן מִיט אִים.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט הַאלְטְן אַייעֶר שְׁטוּבּ רֵיין, אִיר וֶועט מַאכְן אַייעֶר שְׁטוּבּ אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה צוּ וואוֹינֶען - וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן גְלֵייבְּן אִין מִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ...

דוּ בִּיסְט אַזַא גוּטֶער מֶענְטְשׁ, בִּיסְט אַזַא וואוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן, דֶערִיבֶּער זוּכְט דֶער יֵצֶר הָרָע דִיךְ אַרָאפְּצוּאוַארְפְן, עֶר רֶעדְט דִיךְ אַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דוּ טְרַאכְסְט נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִיר, נָאכְדֶעם פַּאסִירְט אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ אַנְדֶערֶע מִיט הַאס, ווַייל דוּ מֵיינְסְט אַז יֶעדֶער מֵיינְט דַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶע ווִילְן דִיךְ אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען.

קֵיינֶער ווִיל דִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען, קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס; עֶס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט דִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גוּט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל הַאלְטְן פוּן מִיר. אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶעבְן, מֶען הָאט מִיר אַזוֹי דֶערְנִידֶערְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט מִיר גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן ווִי דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶרְגֶער פוּן דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ; בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֵייל מִיךְ אוֹיס, מַאךְ מִיךְ גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין מִיר";

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ לִיב הָאבְּן.

...

### דוּ מוּזְסְט טוֹישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דוּ וֵוייסְט אַז בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת אַ וִויכְטִיגֶע יְסוֹד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַז אִיךְ הֶער דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, דוּ טוּסְט וֵויי אִין שְׁטוּבּ; עֶס טוּט מִיר וֵויי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפָּארֶעט פַאר דִיר פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אוּן אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט שֵׁיין, דוּ פְּלִיקְסְט דַיין וַוייבּ, דוּ שְׁטֶעכְסְט אִיר - זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין עָתִיד פַאר דִיר.

אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער הָאסְטוּ אֵיין בְּרֵירָה, גֵיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה. אַז דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן פַאר מִיר - דַארְפְסְטוּ טוֹישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט אִין שְׁטוּבּ, אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּלַאץ דָא.

אוֹיךְ מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ צִיטֶער וִוי אַזוֹי דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן רֶעדְן מִיט דִיר.

...

### בְּלַייבְּט מִיט דִי גוּטֶע קַבָּלָה צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ רֵיין אוּן זוֹיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַז אִיר הָאט צוּגֶעזָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁפִּיטָאל בַּיים גֶעבּוֹירְן וְכוּ׳ אַז אִיר גֵייט נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין טֶעבְּלֶעט, אֵייפַּאד וְכוּ׳ -

קֶענְט איר נִישְׁט יֶעצְט מִיר קוּמֶען בֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן איר קֶענְט דָאס יָא אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ.

אַזוֹי אִיז בַּיי מֶענְטְשְׁן, וֶוען מֶען אִיז עֶנְג, מֶען אִיז אִין אַ סַכָּנָה - זָאגְט מֶען צִי, מֶען אִיז זִיךְ מְקַבֵּל קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, אָבֶּער וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט פַארְגֶעסְט מֶען מֶען אוּן מֶען הָאט צוּרִיק דִי נִסָּיוֹן.

בְּלַייבְּט מִיט דִי גוּטֶע קַבָּלָה נִישְׁט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ דִי אַלֶע כֵּלִים, הַאלְטְס דִי שְׁטוּבּ רֵיין אוּן זוֹיבֶּער. פַארְוָואס זָאלְט איר שְׁוֶוער מַאכְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער? עֶס קוּמְט יֶעצְט נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ דַארְפְן דְרַאפֶּען מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת; דַארְפְן מִיר זֵיי הֶעלְפְן גְרִינְגֶער מַאכְן אוּן נִישְׁט שְׁוֶוערֶער מַאכְן.

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

...

### גֶעעֶפְנְט דִי מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ וִויל לָאזְן וִויסְן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי מִקְוֶה טָהֳרָה אִיז שׁוֹין אָפְן פַאר אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

דִי מִקְוֶה טָהֳרָה שְׁטֵייט בְּהַשְׁגָּחַת אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א, דִי מִקְוֶה אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי חָשׁוּבְ׳עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אִינְאֵיינֶעם מִיט אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א, גְרוֹיסֶע רַבָּנִים הָאבְּן בַּאווָאוּנְדֶערְט דִי כַּשְׁרוּת הַמִּקְוֶה.

הֱיוֹת דִי שְׁטֶעטְל אִיז אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט הָאבְּן מִיר נָאךְ אַ מִקְוֶה פַאר שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אִין דִי ... גֶעגְנְט.

בֵּיידֶע מִקְוָאוֹת זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן עֶס הָאט דִי סְגוּלוֹת פוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת; דָאס אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה.

דָא אִיז דִי פְּלַאץ זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר מִשְׁפָּחַת ... אוּן מִשְׁפָּחַת ... פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן אַ חֵלֶק פוּן זֵייעֶר דִירָה פַאר טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

## לֵייג נִישְׁט אַרוֹיף אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ דִיר פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן. וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דָא מִיט דַיין וַוייבּ הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פַאר אַפָּאר מִינוּט, זִי הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן פָאַרְנְט פוּן דִיר.

זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט; זִי הָאט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳, זִי קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אוּנְטֶער אַ פַּחַד וְכוּ׳; זִי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידֶל דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער וָואס זָאל זִי טוּן וֶוען עֶס פַּאסִירְט... חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קמ:) "אָמַר לְהוּ רַב חַסְדָּא לִבְנָתֵיהּ", רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיינֶע טֶעכְטֶער שֵׁיינֶע מִדּוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן: "לָא תֵיכְלוּן תַּמְרֵי בְּלֵילְיָא", אִיר זָאלְט נִישְׁט עֶסְן טֵייטְלֶען בַּיינַאכְט, "וְלָא תִשְׁתּוּן שִׁיכְרָא בְּלֵילְיָא", אִיר זָאלְט נִישְׁט טְרִינְקֶען בִּיר בַּיינַאכְט - וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט שִׁלְשׁוּל, עֶס מַאכְט לוֹפְט וְכוּ׳, כְּדֵי דֶער מַאן זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְ'מִיאוּסְ'ן; זִי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, אָבֶּער זִי קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי, זִיךְ אַיינְהַאלְטְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט.

בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעשָׁאנְקֶען, זֶע זִי זָאל זַיין רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ, זִי זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ פַּחַד אוּן מוֹרָא. מֶען קֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען, מֶען קֶען אַלֶעס טוּישְׁן - מִיט תְּפִלָּה.

אִין קוּרְצְן; זִי ווִיל לֶעבְּן נַאטִירְלִיךְ, נִישְׁט צִיטֶערְן פוּן וֶוערְן

אַרָאפְּגֶעקוּקְט, זִי ווִיל שְׁפִּירְן אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי ווִי זִי שְׁפִּירְט מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער; אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט ווָאס אִיר בַּאדֶערְט.

...

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

לֵייג דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

"עֶפְן שׁוֹין אוֹיף דִי פֶּעסֶער, אַז נִישְׁט ווֶעלְן מִיר דָאס אַלֵיינְס עֶפֶענֶען!" הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן דִי ווֶעכְטֶער, רֶבִּי דָּוִד ווֵייסְט נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, עֶר הָאט אִין דִי פֶּעסֶער ווַיין פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט צוּ מַאכְן דִי ווַיין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע הִידוּרִים; לַאנְגֶע חֳדָשִׁים ווָאס עֶר אִיז ווַייט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ צוּ קֶענֶען מַאכְן כָּשֵׁר׳עֶ ווַיין פַאר זַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב.

׳ווָאס טוּט מֶען?׳ טְרַאכְט רֶבִּי דָּוִד פוּן מִיקוֹלֵייב, ׳אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דִי ווֶעכְטֶער ווֶעלְן דָאס מְנַסֵּךְ זַיין׳; קִינְדֶער אִיר ווֵייסְט אַז אוֹיבּ אַ גוֹי רִירְט אָן ווַיין - ווֶערְט דָאס יַיִן נֶסֶךְ, עֶס ווֶערְט אָסוּר צוּ טְרִינְקֶען, מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְגִיסְן; ׳ווָאס טוּ אִיךְ דָא?׳ רֶבִּי דָּוִד טְרַאכְט ווָאס צוּ טוּן, דִי ווֶעכְטֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: "עֶפְן שׁוֹין דִי פֶּעסֶער אַז נִישְׁט ווֶעלְן מִיר דָאס אַלֵיינְס עֶפֶענֶען!" דִי ווֶעכְטֶער לוֹיפְן אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן ווָאגְן, זֵיי עֶפֶענֶען דִי פֶּעסֶער אוּן לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶרֶע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן מְנַסֵּךְ גֶעוֶוען דִי ווַיין!

רֶבִּי דָּוִד קוּמְט אָן קַיין מֶעזְבּוּז, עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, ווָאס אִיז דָאס? פַארְווָאס הָאט דָאס פַּאסִירְט? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי לַאנְג גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ מַאכְן ווַיין פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ דָאס אַלֶעס אַוֶועקְגִיסְן!" רֶבִּי דָּוִד ווֵיינְט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִים: "הָאסְט טַאקֶע גֶעמַאכְט דִי וַויין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים, מִיט אַלֶע כַּוָנוֹת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעטוּן, אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן, הָאסְט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיידֶער דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי נְסִיעָה צוּ מַאכְן דִי וַויין וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ פָאר יֶעצְט מַאכְן וַויין פַאר מַיין רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, הֶעלְף דִי וַויין זָאל אוֹיסְקוּמֶען גוּט, מַיין רֶבִּי זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם'".

דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן תְּפִילָה אִיז מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ; אֲפִילוּ מֶען פְלָאגְט זִיךְ, מֶען טוּט אַלֶעס אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אוֹיבּ פַארְגֶעסְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד וֵוייְנְט נֶעבְּן אַ וָואגְן, אוֹיפְ'ן וָואגְן לִיגְט צְוֵויי גְרוֹיסֶע פֶּעסֶער, אוּן אַ וֶועכְטֶער, אַ גוֹי מִיט גְרוֹיסֶע שְׁנוֹיצְן טְרִינְקְט מִיט אַ גְלֶעזְל רוֹיטֶע וַויין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְּרִישֶׁע זַאכְן אִין דִי קְהִילָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ דִי זְמַן אִין יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט. אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן פְּרִישׁ, דִי בָּחוּרִים דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען עֶפֶּעס וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען; אַזוֹי טֵייעֶר, אַזוֹי עֶרְלִיךְ - מַמָּשׁ אַ מַתְּנַת

חִנָּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף תַּלְמִידִים הֲגוּנִים, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז יֶעצְט זֶענֶען אַלֶע גוּטֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיךְ דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא הָאט זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְּרִישְׁקֵייט; דִי מְלַמְּדִים, דִי טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען צוּרִיק בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, זֵיי זָאגְן אַלֶע אַז זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעוַוארְט שׁוֹין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, אִיךְ הָאבּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יוֹם טוֹב גֶעהֶערְט פוּן אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט, ווִי זֵיי וֵויינֶען אוּן זָאגְן: "הַלְוַואי עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט דֶער יוֹם טוֹב, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט", אוּן נָאר דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי בֶּענְקֶען זִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער; אַז אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער בֶּענְקְט צוּ דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז אַ גוּטֶע סִימָן, דָאס וַוייזְט אַז זֵיי אַרְבֶּעטְן נִישְׁט פַאר דִי גֶעלְט, זֵיי אַרְבֶּעטְן וַוייל זֵיי הָאבְּן לִיבּ דִי אַרְבֶּעט, זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט אִין דִי קְהִילָה אַזוֹיפִיל נֵייעֶ זַאכְן; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אַלֶעס צוּ שְׁרַייבְּן. מִיר קוֹיפְן יֶעצְט אַ קָאנְטְרִי פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע וָואס ווִילְן קוּמֶען אִין קָאנְטְרִי, זֵיי ווִילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מִשְׁפָּחוֹת - זָאלְן זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאבְרֵךְ יְשַׁעְיָ' אֵיידְלִיס.

נִישְׁט אַלֶע ווִילְן קוּמֶען, נִישְׁט אַלֶע מוּזְן קוּמֶען; עֶס זֶענֶען דָא וָואס ווִילְן גֵיין אִין פְּלֶעצֶער וָואס מֶען טֵיילְט נִישְׁט אַיין וָואס צוּ טוּן, ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן; בַּיי אוּנְז טֵיילְט מֶען יָא אַיין וָואס צוּ טוּן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה מוּז מֶען זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט. אֵיינֶע פוּן דִי תַּקָּנוֹת אִין קָאנְטְרִי וֶועט זַיין אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁווִימֶען נָאר בִּצְנִיעוּת, בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל לֶערְנְט מֶען דִי מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען קֶען נָאר שְׁווִימֶען מִיט אַ קְלֵייד, דֶערִיבֶּער נָאר וֶוער עֶס ווִיל לֶעבְּן אַ לֶעבְּן וָואס מֶען זָאגְט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן - וֶועט קֶענֶען זַיין אִין אוּנְזֶער קָאנְטְרִי.

עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט גְרוֹיסֶע זַאכְן, דִי בֵּית הַדְּפוּס צִיט זִיךְ יֶעצְט אַרִיבֶּער אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן אִין דִי גְּלִילוֹת פוּן שְׁטֶעטְל, נֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה; מֶען פְּלַאנְט יֶעצְט אַ שֵׁיינֶע חֲנֻכַּת הַבַּיִת, עֶס קֶען זַיין מֶען וֶועט דָאס

מַאכְן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, פֶּסַח שֵׁנִי, - אַ שֵׁיינֶעם מַעֲמָד חֲנֻכַּת הַבַּיִת; מֶען װעט לָאזְן װיסְן אוֹיבּ עֶס װעט זַיין גְרֵייט פַאר דֶעם.

עֶס טוּט זִיךְ גְרוֹיסֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען דִיר נָאךְ אַסַאךְ שְׁרַייבְּן; בְּלִי נֶדֶר װעל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן, אָבֶּער יֶעצְט מוּז אִיךְ אַהֵיים לוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעצְט מַאֲרִיךְ זַיין.

אֵיין זַאךְ װיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לָאז דַיין טֶעלֶעפָאן אִין קַאר בִּשְׁעַת׳ן דַאוֶוענֶען; דוּ װעסְט הָאבְּן אַזוֹיפִיל הַצְלָחָה אַז דִי פָאר מִינוּט װָאס דוּ דַאוְונְסְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט דִיר.

אִיךְ װעל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן װָאס טוּט זִיךְ אִין דִי קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אִיךְ װעל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶנְטְפֶערְן אַלֶעס װָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר"י אֱמוֹר), כ״ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע װעגְן צוּ קוֹבֵעַ זַיין דִי חֲתוּנָה; דָאס הָאט מִיט אַייעֶרֶע חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן אוּן מִיט דִי חָתָן׳ס עֶלְטֶערְן, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶרֶע חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן אוּן אוֹיךְ פַאר אַייעֶר חָתָן מִיט זַיינֶע חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן. אִיר קֶענְט מִיר פְרֶעגְן פְרַאגֶעס װָאס הָאט מִיט אַייךְ; אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, יָארְן אַרוּם װעז אַייעֶרֶע קִינְדֶער װעלְן הַאלְטְן בַּיים חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶעמָאלְט װעט אִיר מִיר פְרֶעגְן װען עֶס אִיז גוּט צוּ קוֹבֵעַ זַיין דֶעם יוֹם הַחֲתוּנָה.

בְּנוֹגֵעַ אַרְבֶּעטְן אִין בֵּית פֵיגָא; דָאס װֵייסְט אִיר אַוַדַאי, אַז װָאס דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ טוּט - אִיז גֶעוָוארְן דוּרְכְגֶעֶרעדְט מִיט מִיר, אַז זִי בֶּעט אַייךְ צוּ קוּמֶען אַרְבֶּעטְן פַאר בֵּית פֵיגָא - אִיז דָאס אַזוֹי װִי אִיךְ בֶּעט אַייךְ דָאס, עֶס

פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ אִיבֶּערְפְרֶעגְן פְּרִיוַואט אָדֶער וַוארְטְן אוֹיף אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא דַארְפְן זַיין אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר בֵּית פֵיגָא, הֶעלְפְן בֵּית פֵיגָא - אֲפִילוּ אָן בַאקוּמֶען אַ בַאזוּנְדֶערֶע פָּארְצְיֶע אַטֶענְשְׁן.

פְרֶעגְט מִיר אַלֶע אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶנְטְפֶערְן אַלֶעס וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אַייךְ.

...

**יֶעדֶער לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט, אִיז דִי שְׁטֶעטְל אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ד נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען אוֹיף וָואס אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן פּוּרִים בִּיז פֶּסַח פַאר דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי; אַלֶע וָואס הָאבְּן נָאר טוֹעֵם גֶעוֶועזְן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ מַצוֹת זֶענֶען זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, עֶס הָאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע טַעַם.

אַלֶע וואוּנְדֶערְן זִיךְ ווִי אַזוֹי דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי מַצְלִיחַ; מִיר הַאלְטְן נָאכְנִישְׁט קַיין דְרֵיי יָאר אוּן עֶס אִיז דָא אַלֶעס וָואס אַ אִידִישֶׁע שְׁטֶעטְל דַארְף הָאבְּן. אַ דַיין, אַ כּוֹלֵל וואוּ עֶס לֶערְנֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אַן עֵירוּב, פִיר שׁוּלְן, צְוֵויי מִקְוֶה טָהֳרָה׳ס, אַלֶע שׁוּלְן הָאבְּן אַ מִקְוֶה, אַ חֶדֶר, אַ מֵיידְל סְקוּל, אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל, עֵזֶר לַיוֹלְדוֹת, גְרָאסֶערִי, בַּאזַאר, בֵּית הַדְּפוּס אוּן יֶעצְט אַ מַצָּה בֶּעקֶערֵיי; אַלֶעס אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען אַזוֹי גֶעטְרֵיי, יֶעדֶער ווִיל נָאר הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט.

נָאכְאַמָאל, אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט פַּיינְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶפְן דַיין מוֹיל, רֶעד צוּ אִים; זָאג אַרוֹיס אֲפִילוּ נָאר אֵיין וָוארְט, שְׁרֵיי: "טַאטֶע הֶעלְף מִיר!" "טַאטֶע וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?" "וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין גוּט?!"

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט.

...

### קֶען מֶען מַאכְן זוּנְטָאג אַ כְּמוֹ-סְקוּל אוּן בֶּעטְן גֶעלְט דֶערְפַאר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**צוּ דִי טֵייעֶרֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת ... שֶׁתִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז עֶנְק שְׁפִּילְן בְּאַחְדוּת אוּן עֶנְק הֶעלְפְן עֶנְקֶערֶע מַאמֶעס, דִי צְוֵויי מִצְוֹת זֶענֶען פוּן דִי הֶעכְסְטֶע מִצְוֹת; שָׁלוֹם אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ עֶנְקֶער פְרַאגֶע, אוֹיבּ אִיר קֶענְט מַאכְן זוּנְטָאג אַ כְּמוֹ סְקוּל אוּן בֶּעטְן גֶעלְט; דָאס זָאלְט אִיר פְרֶעגְן עֶנְקֶערֶע מַאמֶעס, אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין דֶעם, אִיךְ וֶועל לָאזְן עֶנְקֶערֶע מַאמֶעס זָאלְן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיין גְרוֹיסֶע גֶעשְׁטַאלְט, דִי רֶעכְטֶע הַאנְט וֶועט

קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן דִי לִינְקֶע הַאנְט אָדֶער אַ צְוֵוייטֶע חֵלֶק פוּנֶעם קֶערְפֶּער, אַזוֹי טָארְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער נִישְׁט קְרִיגְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אוּן אִיךְ בֶּעט אַלֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא, אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר עֶנְק פַאר דִי סְקוּל; גֶעבְּט מִיר צוּרִיק דִי טוֹבָה, קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע; אוֹיבּ אִיז דָא אַ מֵיידְל אַ פִירֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט קִינְדֶער - זָאלְט אִיר אַהֵיים גֵיין אוּן נִישְׁט שְׁפִּילְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֵויי טוּן אַ אִידִישׁ קִינְד.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט זוּכְן אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ; אוֹיבּ דִי מַאמֶע דַארְף אַייעֶר הִילְף זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע.

גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט׳ן בַּאשֶׁעפֶּער, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעלָאזְט אַ מֶעסִידְזְשׁ ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ צוּ אִיר, דוּ טוּסְט אִיר נִישְׁט וֵויי, דוּ שְׁטֶעכְסְט אִיר נִישְׁט בַּיים רֶעדְן; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי אַרוֹיף אֵיין מָאל אַ טָאג צוּם צִיוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין שְׁוָוער נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח מִיט אַ בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ מֶער הַנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם בְּרִיוו; עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט וִוי שֵׁיין דוּ פִּירְסְט זִיךְ, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ זֶענֶען אֵיידְל, אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. עֶר שְׁרַייבְּט אִיר מַאכְט אִים גֶעזוּנְט, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ רֶעדְן אַזוֹי שֵׁיין, עֶר הָאט נָאר נַחַת פוּן עֶנְק.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ דָאס צוּ הֶערְן; דִי גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף תַּלְמִידִים גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ סָמוּךְ וְנִרְאֶה צוּם צִיוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי אַרוֹיף אֵיין מָאל אַ טָאג, זָאג אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן קוּק אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער; קוּק וָואס מֶען נֶעמְט מִיט זִיךְ מִיט, נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דַפִּים גְמָרָא, תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

...

## קַיין אֵיין קִינְד טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן חֵדֶר? עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז אַלֶע אִינְגְלֶעךְ זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר, פַארְוָואס זָאל דֶער בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר פַאר לַאנְגֶע חֲדָשִׁים? עֶר אִיז דָאךְ אַ טַייעֶר קִינְד, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא הַארְצִיגֶע נְשָׁמָה, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט וֶועלְן קוּמֶען?!

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע בַּאקוּמֶען אַ חַיּוּת אִין חֵדֶר?

דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען דָא ווּאוֹינֶען נָאר צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער; מִיר מוּזְן אַלֶעס טוּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלֶן קוּמֶען אִין חֵדֶר, זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מוֹסָד.

גֵיי אִינְדֶערְפְרִי שְׁפַּאצִירְן, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ וֶועג מִיט יֶעדְן קִינְד, טְרֶעפְן זַיין הָארֶץ.

...

### דוּ פִירְסְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל, בַּאזוּנְדֶער הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיט אַזַא אַחְרַיוּת; דָּבָר גָּדוֹל וְדָבָר קָטָן - דוּ זָארְגְסְט פַאר אַלֶעס אוּן דוּ טוּסְט דָאס גֶעשְׁמַאק.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט שְׁטֵיין אוֹיף דִי נְקוּדָּה עֶס זָאל זַיין כְּסֵדֶר מִנְיָנִים בַּיי אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת. שַׁחֲרִית בִּיז חֲצוֹת, נָאךְ חֲצוֹת טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אַזוֹי אוֹיךְ מִנְחָה מַעֲרִיב.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה וָואס זָארְגְט פַאר דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, דָאס קֶען מֶען מֶער נִישְׁט מַאכְן אִין שׁוּל. דִי שְׁטֶעטְל צוּואַוַואקְסְט זִיךְ, עֶס אִיז שׁוֹין דָא הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ פַארְמַאכְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ יֶעדֶע דִינְסְטָאג נַאכְט נַיין אַזֵייגֶער, מֶען דַארְף דָאךְ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אוֹיךְ הָאבְּן אִינְגֶעלַייט חַבְרוּתוֹת, זָאג זֵיי זֵיי זָאלְן זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, ווַייל דֶער שׁוּל וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט אָפְּשְׁפַּארְן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען ווִיל מַאכְן שִׂמְחוֹת, אַ בַּר מִצְוָה וְכַדוֹמֶה - קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁפַּארְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ; עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן יְשִׁיבָה, יְשִׁיבָה אִיז נָאר גֶעאֵייגְנְט פַאר דִי בָּחוּרִים, אַנְדֶערְשׁ אִיז אַ צֶענְטְעֶראַלֶע שׁוּל פַאר אַ שְׁטָאט.

...

## גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין אִין כּוֹלֵל אִין צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין בַּאלִיבְּטֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א, דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל - זָאגְט מִיר, דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר פְלֵייסִיג, אָבֶּער עֶר זָאגְט עֶס שְׁטֶערְט זֵייעֶר אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט קַיין זְמַנִים, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אִין כּוֹלֵל אַזוֹי, עֶר זָאגְט מִיר עֶר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ מָקוֹם גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים צוּם וַואנְט צוּלִיבּ דִיר, עֶר קֶען נִישְׁט זֶען ווִי דוּ קוּמְסְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס עֶלְף אַזֵייגֶער אָדֶער צְוֶועלְף.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיסְדְרֵייעֶן דַיין סֵדֶר הַיוֹם. תֵּיכֶּף נָאךְ מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל, בְּלַייבּ נִישְׁט טוּן פַאר הַדְפָּסָה, גָארְנִישְׁט, גֵיי אַהֵיים, הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס וַוארְט דִיר.

יֶעצְט זוּמֶער וֶוען מֶען דַאוֶונְט מַעֲרִיב שְׁפֶּעט - דַארְפְסְטוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ שְׁפֶּעטְסְטְנְס צֶען אַזֵייגֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן דַאוֶונֶען, עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן זַיין גְרֵייט אוּן צַייט אִין כּוֹלֵל.

אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל דִיר הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.

...

**נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר"י אֱמוֹר), כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

"אַל יְקַנֵּא לִבְּךָ בַּחַטָּאִים", דַיין הַארְץ זָאל נִישְׁט גְלִיסְטְן צוּ זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, "כִּי אִם בְּיִרְאַת ה׳ כָּל הַיּוֹם" (מִשְׁלֵי כג, יז), נָאר צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין זֵיי זָאלְסְטוּ גְלִיסְטְן אַ גַאנְצְן טָאג.

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִים אִיז גוּט מְקַנֵּא צוּ זַיין"; אֲפִילוּ דִי רַייכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַּאלַאצְן, גֶעלְט, שֵׁיינֶע כֵּלִים, דֵיימַאנְטְן אוּן וָואס נִישְׁט - זֶענֶען פוּל מִיט וֵוייטָאג; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז זֵיי הָאבְּן גְלִיק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי פוּל מִיט צַעַר אוּן וֵוייטָאג.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר: "אַל יְקַנֵּא לִבְּךָ בַּחַטָּאִים", גְלִיסְט נִישְׁט צוּ דִי אַלֶע זַאכְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט הָאבְּן", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוּן מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן פוּן עוֹלָם הַזֶּה, "כִּי אִם בְּיִרְאַת ה׳ כָּל הַיּוֹם", גְלִיסְט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, "תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען זֵיי הָאבְּן"; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**מֶען טָאר גָארְנִישְׁט טוּן אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר"י אֱמוֹר), כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ מִיר מֶער נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי צַייט וָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט מִיר טַאקֶע זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אָבֶּער דָאס קֶען נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער.

ווי גֶעלוּנְגֶען דוּ בִּיסְט - קֶענְסְטוּ נִישְׁט טוּן צְוֵויי זַאכְן אוֹיף אֵיין מָאל, אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ קֶען נִישְׁט טוּן צְוֵויי זַאכְן אוֹיף אֵיין מָאל.

אִיךְ וֶועל אַלֶעס מְבַטֵּל זַיין; דִי שִׁיעוּר גְמָרָא, דִי שִׁיעוּר פַאר פְּרוֹיעֶן, דִי חֲתוּנוֹת, אַלֶעס אַלֶעס - אוֹיבּ קֶען דָאס נָאר גֵיין אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן חֵדֶר.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְּרוּבִּירְן אַן עֵצָה גֶעבְּן, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן; לָאז אַלֶעס פְלִיעֶן כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט מְלַמֵּד.

אִיךְ זָאג קְלָאר, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר; עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בֶּעסֶער.

...

### אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיר צוּ טְרֶעפְן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען דַיינֶע קִינְדֶער; פַאר מִיר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ הָאבְּן אַזַא מִשְׁפָּחָה וִוי דִיר אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ ווִיל דִיךְ פְרֶעגְן, ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי הָאסְטוּ אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הֶער אַז דוּ הָאסְט שִׁיעוּרִים מִיט חַבְרוּתוֹת אִין הֲלָכָה; אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין כּוֹלֵל? פַאר מִיר וֶועט דָאס זַיין זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ.

מִיר גֵייעֶן דֶעם זְמַן לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א אִיז דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל, עֶר הֶעלְפְט דִי אִינְגֶעלַייט פַארְשְׁטֵיין אוּן מַצְלִיחַ זַיין.

לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ יָא, אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיר קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן חַבְרוּתוֹת.

יֶעצְט צָאלְן מִיר צְוֵויי הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ פַארְלִירְט מֶען דָאס לֶערְנֶען; דִי גֶעלְט רֶעכְנְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ.

...

### עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִיר אִין קְלַאס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וָואס גֵייט פָּאר אִין חֵדֶר - בַּיי דִיר אִין כִּתָּה?! אִיךְ הֶער זָאגְן דוּ דַארְפְּסְט אַרוֹיסְשִׁיקְן יֶעדְן טָאג קִינְדֶער צוּם אָפִיס, וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס גֵייט פָּאר? אַ מְלַמֵד וָואס דַארְף אַרוֹיסְשִׁיקְן יֶעדְן טָאג קִינְדֶער - דַארְף מֶען אֶפְשָׁר מַאכְן פַּארְקֶערְט, אֶפְשָׁר אִים אַהֵיים שִׁיקְן אַנְשְׁטָאט אַהֵיים שִׁיקְן אַלֶע קִינְדֶער...

דוּ הָאסְט יוּנְגֶע קִינְדֶער, פַּארְוָואס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר דֶרֶךְ אֶרֶץ?! פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, מוֹרָא הָאבְּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַ רֶבִּי!

אִיךְ הָאבּ גֶעוְוּיסְט אַז מוֹסְדוֹת אִיז שְׁטֶענְדִיגֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין הַאלְטְן עֶרְגֶעץ וַוייטֶער, יֶעצְט אַז דוּ שִׁיקְסְט יֶעדְן טָאג אַרוֹיס קִינְדֶער - אִיז עֶפֶּעס גֶעשֶׁעֶן מִיט דִיר.

אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְלַמֵד אוֹיבּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, קָדְמָה לַתּוֹרָה; אָדֶער הוֹיבְּסְטוּ אָן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז נִישְׁט זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה.

...

### נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם זַאךְ קֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; לָאזְט דִי אַלֶע מִצְוֹת פַּאר אַנְדֶערֶע, אִיר הָאט טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, גֶעבְּט אַכְטוּנְג זֵיי נָאר מְכַבֵּד זַיין.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט

אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער, אַ גוּטֶער; זָאלְט אִיר זַיין גֶעטְרֵייּ פַאר אִים אוּן אִים אוֹיפְּבּוֹיעֶן. לָאזְט אָפּ אַלֶע עַסְקָנוּת, לָאזְט עֶס פַאר עֶלְטֶערֶע, בִּפְרַט וֶוען עֶס קֶען פּוֹגֵעַ זַיין אִין אַייעֶר מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט צוּ מִיר גֶערֶעדְט, וָואס פַאר אַ לְשׁוֹנוֹת פוּן זִלְזוּל, אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁוִויגְן... מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר קֶעגְן מוֹהֲרָא״שׁ, נִישְׁט סְתָּם גֶערוּפְן בַּיים נָאמֶען, נָאר מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס זִלְזוּל; אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוִויגְן, וַוייל דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר עֶלְטֶערְן.

...

## אוֹיבְן וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בַּאהַאלְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בָּרוּךְ אַתָּה [...] שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה! מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶפְנְט דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, בְּהַשְׁגָּחַת דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א.

דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל זַיין בַּאהַאלְטְן, מֶען זָאל נִישְׁט ווִיסְן אַז דוּ הָאסְט עֶס מְנַדֵּב גֶעוֶוען; דָא קֶענְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוֹיבְן וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בַּאהַאלְטְן, אוֹיבְן אִין הִימְל בַּאקוּמְסְטוּ אַ שֵׁיינֶע הֵיכָל, אַלֶע זְכוּתִים פוּן טָהֳרָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס נוּצְן דִי מִקְוֶה - גֵייט פַאר דַיין זְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט יְשׁוּעוֹת.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל יוֹם וָיוֹם; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה; דָאס אִיז אֱמֶת׳עֶ עֲשִׁירוּת, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט בְּזֶה וּבַבָּא.

...

### בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט אַ וַואכְט נַאכְט פַאר פְּרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׂמְחָה! אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דֶער מוֹהֵל זָאגְט מֶען קֶען שׁוֹין מַאכְן דֶעם בְּרִית אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג פוּנֶעם פִּדְיוֹן הַבֵּן.

זַיי נִישְׁט בֵּייז, אִיךְ בִּין אַזוֹי טָרוּד, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט מַאכְן אַ בַּאשְׁלוּס מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת; וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ שִׂמְחוֹת - וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט פָארְן בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט... דָא הָאבּ אִיךְ דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף פָארְלֶערְנֶען שִׁיעוּרִים פַאר דִי בָּחוּרִים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ - זִיךְ פָּארְקוּקְן. אוֹיךְ בִּין אִיךְ טָרוּד מִיט דִי מוֹסְדוֹת, יוֹמָם וָלַיְלָה לֹא יִשְׁבֹּתוּ. לְעֵת עַתָּה קֶען אִיךְ מִיטְהַאלְטְן נָאר שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל יֶעדֶע וָואךְ, קֶען אִיךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען צוּ זַיין בַּיי דִי שִׂמְחָה.

אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ דִיר מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לַבְּרִית, כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לְפִדְיוֹן הַבֵּן - כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אַ וַואכְט נַאכְט פַאר פְּרוֹיעֶן אִיז פוּן דִי נֵייעֶ זַאכְן, בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט.

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מְנַדֵב זַיין דִי וֶועג צוּם מִקְוֶה טָהֳרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מְנַדֵב זַיין דִי וֶועג צוּם מִקְוֶה טָהֳרָה אִין שְׁטֶעטְל, הָאסְט עֶס גֶעמַאכְט זֵייעֶר שֵׁיין; מֶען זֶעט עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גֶעפִיל, נִישְׁט סְתַּם אוֹיסְגֶעגָאסְן לֵיים (צֶעמֶענְט), הָאסְט עֶס גֶעמַאכְט שֵׁיין רֵינְדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאגְלִיקְן מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

גֶעבּ אַ שְׁכֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ פַארְ'ן קוּמֶען אִין סְקוּל אַרוֹיסְהֶעלְפְן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן שְׁטֶעקְן אָן טִיטְשֶׁערְס.

...

## פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אַ לִיכְט פַאר גַאנְץ בָּארָא פַּארְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בָּארָא פַּארְק

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וִוי אִיר הַאלְט מִיטְ'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק, אוֹיבּ אִיר הָאט שׁוֹין פַארְמַאכְט, שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן קָאנְטְרַאקְט אוֹיפְ'ן נֵייעֶם שׁוּל.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִי חֲבֵרִים אִין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ וִויל זֵייעֶר קוּמֶען רֶעדְן דָארְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; אוֹיבּ אִיז דָא פְּלַאץ - אֶפְשָׁר גָאר מַאכְן פוּן צַייט צוּ צַייט דֶעם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין בָּארָא פַּארְק.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיין ווִינְקֶל, אַ לִיכְטִיג ווִינְקֶל - וואוּ עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אַ לִיכְט פַאר גַאנְץ בָּארָא פַּארְק. אַזוֹי וִוי דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס טוּט זִיךְ הַיינְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי דוּרְשְׁטִיג פַאר אַפָּאר אֱמֶתְ'ע וֶוערְטֶער; אַבִּיסְל חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן גֶעיֶעג.

...

**אַ סוֹפֵר וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, בִּפְרַט מִיט דַיין נֵייעֶ פַּאךְ וָואס דוּ לֶערְנְסְט זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִילִין אוּן מְזוּזוֹת. פְּרֶעג אַלֶע סוֹפְרִים, אִין אָנְהוֹיבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט דָאס דוּרְכְבְּרֶעכְן - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קְהִילָה וַואקְסְט אַזוֹי שְׁנֶעל כֵּן יִרְבּוּ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִילְן דַיְקָא מְזוּזוֹת, תְּפִילִין וְכַדוֹמֶה - פוּן אַ סוֹפֵר וָואס פָּארְט צוּם רֶבִּי׳ן, פוּן אַ סוֹפֵר וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי, פוּן אַ סוֹפֵר וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן זָאגְט לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת.

דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי אַרְבֶּעט, עֶנְדִיג לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת אוּן נֶעם אַרוֹיס אַ קַבָּלָה צוּ שְׁרַייבְּן - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ; בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

**וֶוער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז בֶּאֱמֶת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן וָואס אִיר שְׁרַייבְּט וֶועגְן מָרַת ..., אִיר שְׁפִּירְט גֶעקְלַאפְּט נָאכְן רֶעדְן מִיט אִיר. לוֹיט ווִיפִיל אִיךְ וֵוייס זוּכְט זִי נִישְׁט יֶענֶעם אָרָאפְּצוּקְלַאפְּן, זִי זוּכְט נָאר צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע. זִי אִיז זֵייעֶר קְלֵיין בַּיי זִיךְ ; וָואלְט זִי גֶעהַאט אֲפִילוּ אַ סָפֵק אַז מֶענְטְשְׁן שְׁפִּירְן זִיךְ צְוֵוייט-קְלַאסִיג נָאכְן רֶעדְן מִיט אִיר - וָואלְט זִי אַלֶעס גֶעטוּן דָאס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן.

די צְווייטֶע חֵלֶק וָואס איר שְׁרַייבְּט - דָאס אִיז וָואר; דָאס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג און הַלְוַאי זָאלְן דָאס אַלֶע וויסְן. אַלֶע זָאלְן טְרַאכְטְן און וויסְן אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם און טְרַאכְטְן 'דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' און וֶועלְן זַיין אַזוֹי ווי יֶענֶעם. הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל פוּן צַדִיק, עֵצוֹת פוּן צַדִיק, חִיזוּק פוּן צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נט) דֶער צַדִיק בּוֹיט אַן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיטְ'ן מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ד, ג): "וְהַנּוֹתָר בִּירוּשָׁלַיִם קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ", די אַלֶע וָואס דֶערְהאלְטְן זִיךְ בַּיים צַדִיק, אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ, "אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁנָּפְלוּ מִקְּדֻשָּׁתָם", אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס פַאלְן אַוֶועק, זֵיי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט, "אַף עַל פִּי כֵן, מֵאֵלּוּ שֶׁנִּשְׁאֲרוּ בְּיִרְאָה שָׁלֵם", מִיט דֶעם, די אַלֶע וָואס הַאלְטְן זִיךְ, "עַל יְדֵי זֶה, קָדוֹשׁ יֵאָמֵר לוֹ".

אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי מִיר אִיז גֶעוֶוען די זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה. אָנְהוֹיבּ בַּיי מַיין הִתְקַרְבוּת, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט די שֵׂכֶל פוּן קוּקְן אוֹיף זִיךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶענֶער אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַעַת. אָבֶּער נָאכְן הֶערְן פִיל דְרָשׁוֹת, שִׁיעוּרִים און לֵיינֶען די בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס אִיז דָאס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּבִּיסְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְגְרָאדְן מַיין קָאפּ, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם, אִיר שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אֱמֶתְ'דִיג, אִיר שְׁרַייבְּט אַז די מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ כֹּחַ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, די טוּעֶרְס, די מַאכֶערְס - דַארְפְן זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע; אִיךְ גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז די אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן פַאר די מוֹסָד זָאלְן זַיין צוּגֶעלָאזֶענֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, און אִיךְ בֶּעט פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, סַיי די מֶענֶער און סַיי די ווַייבֶּער - זֵיי זָאלְן מִיר זָאגְן אוֹיבּ זֵיי וֶוערְן בַּא'עַוְלְה'עֶט, אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען וֶוערְט פוּן מִיר בַּא'עַוְלְה'עֶט זָאל מֶען מִיר זָאגְן. אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן מִיר

קַיין שְׂלֶעכְטְס, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן וַויי גֶעטוּן פוּן מִיר, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן מִיר", אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׂרַייבְּן מִיר כְּסֵדֶר אַז עֶס בַּאדֶערְט זֵיי זַאכְן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל מָאל אַז אַייעֶר עֹנֶג שַׁבָּת אִיז צוּ לֵיינֶען דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת; אִיר פְלֶעגְט לֵיינֶען אַלֶע סָארְט מַאגֶעזִינֶען, הַיינְט צוּ טָאגְס קֶענְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אִין דִי זַאכְן, אִיר וַוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן שְׂרַייבְּן מִיר אַז דָאס אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן, מִיט דֶעם שְׂרַייבְּט מִיר אַ פְּרוֹי, אַ טַייעֶרֶע פְּרוֹי פוּן שְׁטֶעטְל, אַז זִי וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי בְּרִיוּו [דֶער בְּרִיוּו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוּו]. אִיר מַאן זָאגְט אִיר: "לֵיין עֶס נִישְׁט", אִיךְ הָאבּ אִיר אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן זִי זָאל עֶס נִישְׁט לֵיינֶען; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט שְׂרַייבְּן? אִיךְ זוּךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן?!

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אַ וֶועלְט, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער רֶעדְט אַנְדֶערְשׁ, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט דָאס - אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן מִיט אַנְדֶערֶע.

דָאס וָואס אִיר שְׂרַייבְּט אַז מֶענְטְשְׁן שְׁפִּירְן זִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, דִי "בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת", וִוי זֵיי בְּרֶענְגֶען אַ גֶעפִיל בַּיי אַנְדֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין תַּלְמִידוֹת; זֵיי פָאלְגְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, נָאר זֵיי, אַנְדֶערֶע נִישְׁט - וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאגְט מִיר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, זִי זָאגְט מִיר: "פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי זִיסֶע בֵּית פֵּיגָא יָארְן?" מִיר קוּקְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, מִיר שֶׁעפְּן אַזוֹיפִיל נַחַת, מֶען זֶעט אוֹיף זֵיי וִויפִיל כֹּחוֹת מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי, מֶען שְׁטָאפְּט זֵיי אָן מִיט אֱמֶת, מֶען פִילְט זֵיי אָן מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, מֶען פַארְבְּרֶענְט נִישְׁט קַיין צַייט; עֶס בַּאדֶערְט פַארְוָואס מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעפִּיסְטֶעוֶועט דִי יָארְן, דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן - מִיט נַארִישֶׁע לִימוּדִים, מִיט חַבֶרְ'טֶעס, דִי קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פוּן אֱמֶת, אָבֶּער אַז מִיר קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז דֶער נִצָּחוֹן, אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן אַזוֹי זוֹיבֶּער.

אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל פַארְלֶענְגֶערְט דֶעם בְּרִיוו, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם, זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**אַז דִי בְּרִיוו מַאכְן אַייךְ דֶעפְּרֶעסְט, זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט לֵיינֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט וֶוען אִיר לֵיינְט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הֶער אַז דִי בְּרִיוו מַאכְן דֶעפְּרֶעסְט; אַנְדֶערֶע זָאגְן עֶס מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קֶען זַיין אַז וֶוען אִיר לֵיינְט אִין דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען אִיר דֶערְזֶעט זִיךְ טוּן אַנְדֶערְשׁ מַאכְט דָאס אַייךְ דֶעפְּרֶעסְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיר לֵיינְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט וֶועגְן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ׳, - דָאס מַאכְט אַייךְ דֶערְבִּיטֶערְט; אִיז דָאס נִישְׁט דִי בְּרִיוו, אִיז דָאס אַייךְ אַלֵיינְס.

אַז דִי בְּרִיוו מַאכְן אַייךְ דֶעפְּרֶעסְט - זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט לֵיינֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז), דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט מָאל (עַיֵּין שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ז), דָאךְ וֵוייסְן מִיר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה וֶוערְט עֶר בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "פַארְמַאךְ דֶעם סֵפֶר, לֶערְן מֶער נִישְׁט דֶעם סֵפֶר"; אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר. דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט

גֶעוָואלְט וַוייזְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אוּן אַז דָאס מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט זָאל מֶען עֶס נִישְׁט לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט זִיךְ, הוֹיבְּט אָן הַאלְטְן פוּן זִיךְ. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט בַּיים סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ פַּארְבִּיטְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), דֶער אֱמֶתְ'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף נֶעמֶען דָאס רוֹיזֶעלֶע וָואס לִיגְט אוּנְטֶערְן שְׁטוּל אוּן דָאס אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אוֹיבְן, אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּל הָאבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטְל וְכוּ'"; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְרַמֵּז מִיר זָאלְן נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן אוּנְטֶערְן שְׁטוּל, מִיר זָאלְן הַאלְטְן פוּן זִיךְ, מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ יָא לִיבּ', 'אִיךְ בִּין גוּט', 'מַיין מַאן אִיז גוּט', 'מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גוּט'; כָּל זְמַן דָאס רוֹיזֶעלֶע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶערְן שְׁטוּל - אִיז אַלֶעס טוֹיט, אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אִיז נִישְׁט גוּט.

צִינְדְט אָן מוּזִיק אוּן טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער; שִׂמְחָה פַּארְטְרַייבְּט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

### נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אִין הֲפָצָה אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי ב' (באר"י אֱמוֹר), כ"ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר אַייךְ אַז אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

מֶען קֶען שִׁיקְן דָאס קִינְד צוּ דִי עֶלְטֶערְן.

אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אִין הֲפָצָה אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן שְׁטוּב; קוֹדֶם קוּמֶען דִי קִינְדֶער אוּן דִי מַאן, נָאכְדֶעם קֶען מֶען טוּן הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס זָאל זַיין לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי גַבָּאִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּלָאמִינְגְרָאוו**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ שֶׁזָכִיתָ לְשַׁמֵּשׁ אֶת רַבֵּינוּ, וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דוּ בִּיסְט אַ גַבְּאַי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

זֶע צוּ הָאבְּן מִיט דִיר נָאךְ אַ גַבְּאַי, אַזוֹי אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַוֶועקְגֵיין פַאר אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב - וֶועט וַוייטֶער זַיין סֵדֶר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶס זָאל זַיין לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי גַבָּאִים, אַזוֹי אִיז גְרִינְגֶער פַאר דִי מִתְפַּלְלִים זִיךְ דוּרְךְ צוּ קוּמֶען.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיז גֶעוֶוען יוֹם טוֹב וֶוען דוּ בִּיסְט אַוֶועקְגֶעפָארְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶפְקֵר, אַ בָּחוּר הָאט גֶעדַאוֶונְט פַארְ׳ן עָמוּד, אָפְּגֶעכִיפֶּערְט וְכוּ׳ - דָאס טָאר נִישְׁט פַּאסִירְן; דִי גַבָּאִים דַארְפְן צוּשְׁטֶעלְן בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ דַאוֶוענֶען, בִּפְרַט יוֹם טוֹב דַארְף מֶען צוּשִׁיקְן שֵׁיינֶע בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת וָואס זֶענֶען מְכַבֵּד אֶת הַשֵּׁם מִגְרוֹנָם.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז דִי שְׁכֵנִים וָואס דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל רֶעדְן קֶעגְן בְּרֶסְלֶב; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, אַזוֹי אִיז מִיט מֶענְטְשְׁן, פַאר מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק רֶעדְט מֶען עַל דָא וְעַל הָא, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט, אֵיין טָאג רֶעדְט מֶען אַזוֹי, קוּמֶענְדִיגֶע טָאג רֶעדְט מֶען פַארְקֶערְט; דוּ זַיי יֶעדְן מְקָרֵב.

גֶעבּ אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אָנְצוּטוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן זָאגְן: ״מִיר קוֹיפְן נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער, מִיר בַּאקוּמֶען דָאס פוּן שְׁכֵנִים״; וָואלְט אַייעֶר שָׁכֵן אָדֶער חַבֶר׳טֶע אַייךְ אָנְגֶערוּפְן זָאגְן: ״מִיר הָאבְּן אַן אַלְטֶע סְמַארְטְפָאוֹן, מִיר ווילְן דָאס אַייךְ אַוֶועק גֶעבְּן, מִיר קוֹיפְן זִיךְ דִי נַייעֶרֶע״ - וָואלְט אִיר דָאס גֶענוּמֶען? זִיכֶער נִישְׁט! בְּחִנָּם אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי קְלֵיידֶער פוּן אַנְדֶערֶע.

אִיךְ שְׁרַייב אַייךְ נָאר וַוייל אִיר הַאלְט אִין אֵיין שְׁרַייבְּן אוּן בֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אִיךְ זֶע אַייעֶר זוּן גֵייט מִיט אַזַא שְׁמָאלֶע הוֹיזְן, דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוֹיךְ אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אָנְצוּטוּן דִי קִינְדֶער אַזוֹי, וד״ל.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו נִישְׁט פַאר אַ שְׁטֶעךְ, נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווי אַזוֹי צוּ הִיטְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

...

## מְלַמְדִים זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, זֶען וָואס בֶּעסֶער צוּ מַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳ (באר״י אֱמוֹר), כ״ז נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסָד, אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאלְט אִיר זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם, זֶען וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן, זֶען וָואס נָאךְ מֶען קֶען

טוּן מִיט דִי קִינְדֶער (אוֹיבּ ווִילְט אִיר מַאכְן נֵייעֶ זַאכְן זָאל מֶען פְרֶעגְן), וּתְשׁוּעָה בְּרֹב יוֹעֵץ, עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַסַאךְ גוּטְס פוּן דֶעם, וַוייל יֶעדֶער הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לד, אוֹת ד).

מְלַמְדִים וֶועלְן רֶעדְן, מֶען וֶועט דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה אוּן ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה; דֶער וֶועט דֶערְצֵיילְן פוּן זַיין בְּרֵיוו וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען, אַ צְוֵוייטֶער וֶועט ווַייזְן זַיין בְּרִיוו, זַיין פְּסַק; אַזוֹי וֶועט מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען אַן אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אָפֶּערַאצִיֶע פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת לוֹיט דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"ש. בִּיז דֶערְוַוייל וַואקְלְט זִיךְ נָאךְ אַלֶעס, מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פָארְן אַוֶועק, מֶען נֶעמְט נִישְׁט עֶרְנְסְט דִי אַרְבֶּעט, מֶען קוּמְט אוּן מֶען גֵייט, מֶען אִיז נִישְׁט מַחְשִׁיב דִי אַרְבֶּעט.

אוֹיךְ אִיז מֶען בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אֵייגֶענֶע שִׁיעוּרִים, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט מֶדְרָשׁ, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה כה:): "הָעוֹסֵק בְּמִצְוָה פָּטוּר מִן הַמִּצְוָה". אַמָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט אִין דִי ... מוֹסָד, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיטְ'ן ... רַב שְׁלִיטָ"א, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מֵיינְט הָעוֹסֵק בְּמִצְוָה פָּטוּר מִן הַתְּפִלָּה, מִן הַמִּצְוֹת?" אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁמוּעֶס, ווִי דִי שְׁאֵלָה אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, זָאגְט עֶר מִיר: "דוּ בִּיסְט פָּטוּר פוּן דַאוֶונֶען, דוּ בִּיסְט עוֹסֵק מִיט בָּחוּרִים, בִּיסְט אַ מְנַהֵל"; דָאס זָאג אִיךְ פַאר אַלֶע מְלַמְדִים, זַייט נִישְׁט נַארִישׁ, טְרַאכְטְס נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד וַוייל אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים'; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ מְלַמֵּד, דָאס אִיז דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דִי תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵּד קְרֶעכְצְט מִיר, עֶר ווִיל אוֹיפְגֶעבְּן מְלַמְדוּת וַוייל עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ גֵיין הַפָּצָה; אִיךְ קוּק אִים אָן ווִי אַ חָסֵר דֵעָה: 'דוּ ווִילְסְט גֵיין הַפָּצָה... ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מֵפִיץ ווִי זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן...?' אַ מְלַמֵּד וָואס לֵייגְט אַרַיין קָאפּ אוּן מֹחַ, הַארְץ אוּן קִישְׁקֶעס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - דָאס אִיז דָאךְ הַפָּצָה!

איך בֶּעט דיר זֵייעֶר זָאלְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים אִין שְׁטֶעטְל. אויך גֶעבּ דָאס פַאר די מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ', זי זָאל אויך צֵאמְנֶעמֶען אַלֶע טִיטְשֶׁערְס, די גַאנְצֶע סְטֶעף, זיצְן אֵיינְמָאל אַ וָואך אִינְאֵיינֶעם, מֶען זָאל אִיבֶּערְגֵיין וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן. די מְלַמְּדִים זָאלְן זיצְן בַּאזוּנְדֶער אוּן די טִיטְשֶׁערְס בַּאזוּנְדֶער - אַזוֹי וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

אויך דַארְף מֶען זֵייעֶר אָנְזָאגְן די יוּנְגֶע מְלַמְּדִים אוּן די יוּנְגֶע טִיטְשֶׁערְס אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם פוּן די מַעֲשִׂיוֹת פוּן חֵדֶר, אַזוֹי אויך פוּן די מֵיידְלֶעך.

אַ פְרוֹי שְׁרַייבְּט מִיר זי וִויל נִישְׁט קוּמֶען צוּ די פְּרוּיעֶן צַאמְקוּם וַוייל יוּנְגֶע טִיטְשֶׁערְס קוּמֶען רֶעדְן צוּ אִיר: "דַיין טָאכְטֶער בַּייסְט", "מִיט דַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוען די מַעֲשֶׂה פוּן די דְּרָשָׁה", "דַיין קִינְד הָאט גֶעשְׁלָאגְן"; פוּן וואוּ זָאלְן פְרוֹיעֶן מִיטְהַאלְטְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן סְקוּל? נָאר אַז מֶען רֶעדְט צְווִישְׁן זִיך.

דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן אויך די מְלַמְּדִים, יֶעדֶע מַעֲשֶׂה וָואס פַּאסִירְט אִין די פִיר וֶוענְט פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן בֵּית פֵיגָא - אִיז פְּרִיוַואט, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן. אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט די וַוייבּ, אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער קוּמְט אַהֵיים אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן מַאן - טָאר מֶען זִיך נִישְׁט אוּנְטֶערְהַאלְטְן אויף די קִינְדֶער; וָואלְסְט דָאך נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דַיין קִינְדְ'ס מְלַמֵּדְ'ס וַוייבְּ'ס שְׁוִויגֶער שְׁוֶועסְטֶער זָאל וִויסְן אַז דַיין קִינְד הָאט הַיינְט אַיינְגֶעמַאכְט, אויך וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דַיין טָאכְטֶערְ'ס טִיטְשֶׁערְ'ס מַאןְ'ס בְּרוּדֶער שְׁוֶועגֶערִין זָאל וִויסְן אַז דַיין טָאכְטֶער אִיז אַן עַקְשָׁן אַזוֹינְס אוּן אַזֶעלְכְס.

אִיך הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן, אִיר וֶועט זיצְן אִינְאֵיינֶעם זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן אַז יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן מִיט די גְרֶעסְטֶע מָאס הַצְלָחָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאִיר קִינְדֶלֶר

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ טְרָאסְטִינֶעצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַ שִׁיף פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן, אִינְמִיטְן יַם הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקפוּן אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעקוּמֶען אַ רִיזִיגֶע חַיָ׳ פוּן אוּנְטֶער דִי וַואסֶער, דִי חַיָ׳ הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט דִי קָאפּ אוּן גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם שִׁיף, עֶס אִיז גֶעפַאלְן אַ פַּחַד אוֹיף אַלֶעמֶען, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט.

דִי חַיָ׳ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, בִּיז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אָנְגֶעטוּן אַ טַלִית מִיט תְּפִילִין אוּן אַרוֹיס אוֹיף דִי דַאךְ פוּנֶעם שִׁיף, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף דִי חַיָ׳, וֶוען דִי חַיָ׳ הָאט גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע פָּנִים פוּנֶעם צַדִּיק אִיז זִי אַנְטְלָאפְן אִין דִי טִיפֶע וַואסֶער אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף הָאבְּן זִיךְ בַּארוּאִיגְט.



אוֹי, דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָ' קוּמְט!

(קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאכְדֶעם אוֹיפְ'ן שִׁיף מִיט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק).

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט, אוּן אַז מֶען טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטֶס.


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
חיזוק
צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718·387·2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com